יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד
Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT
פרייז 15 גראשען
היינט 10 זייטען
# נייער פאלקסבלאט
№ 231 | Łódź, Niedziela, 8 października 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, י״ח תשרי תרצ״ד | № 231
Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# 2 אראבער פערמשפט צום טויט
## פאר ערמארדען דעם יודישען קאלאניסט יאקאבי מיט זיין זוהן

ירושלים, 7 (יט״א טעלעגראפיש) דאס געריכט האט ארויסגעטראגען אנ׳אורטייל אין פראצעס געגען די 5 אראבער, וואס זיי זענען בעשולדיגט געווארען אין אויספיהרען דעם מארד איבער דעם יודישען קאלאניסט פון דער קאלאניע נהלל, יאקאבי און זיין זוהן.

2 אראבער זענען פערמשפט געווארען צום טויט, 3 זענען צוליב מאנגעל אין בעווייזען — בעפרייט געווארען.

## די נאצ.-סאציאליסטישע פארטיי אין טשעכיע איז פונאנדערגעלאזען געווארען דורך דער רעגירונג

מאראווסקא אסטראווא 2 (ספ. טעל.) די טשעכישע רעגירונג האט פערעפענטליכט א דעקרעט, וועלכער פערווערט די עקזיסטענץ פון נאציאנאל-סאציאליסטישע ארגאניזאציעס אויפן גאנצען שטח פון מעהרען. 19 ארגאניזאציעס זענען פונאנדערגעלאזט געווארען. ס׳זענען דורכגעפיהרט געווארען פיל רעוויזיעס אין די הייזער. ס׳איז אויך קאנפיסקירט געווארען דער פערמעגען פון אלע ארגאניזאציעס, בעזונדער פיל קאמפראמיטירענדיגען מאטעריאל האט מען געפונען אין טשעכישען שלעזיע, אין בעהימען און האריין, אין מאראווסקא אסטראוואדא האבען די האקענקרייצלער פערברענט זייער פיל קאמפ ראמיטירענדיגען מאטעריאל.

ס׳זענען ארעסטירט געווארען דער פרעזעס פון פערבאנד דער סוחר יאקאטש, דער לעהרער פון א דייטשער גימנאזיע פאטשניידער און נאך פיל פערזאנען.

די זיכערהייט מאכט האט פעראָרדענט צו ארעסטירען די דעפוטאטען פון דער נאציאנאל-סאציאליסטישער פארטיי קאספיר, יונג און שובערט. דער דעפוטאט קרעבס איז ענטלאפען נעכטן אוועק קיין דייטשלאנד.


# פאלקס-שולען
און שול פאר האנדעל
„בית-יעקב"
לאדז, שרודמיעסקא 32
טעל. 170-28

# א בשורה טובה פאר ארטאדאקסישע עלטערן!
תיכף נאך סוכות עפענען מיר אי״ה אויף
1) א פרעבעל-שול
פאר קינדער פון 4–6 יאהר. איינגעריכטעט אין א ניי לאקאל מיט אלע מכשירים, וואס זענען נויטיג פאר אזא שול. אין דער פרעבעל-שול געפינט זיך אויך א פיאנינא. די פרעבעל-שולע ווערט געפיהרט דורך אנ׳ערשטקלאסיגער דיפלאמירטער פרעבליסטין.
2) אווענד-קורסען פאר לימודי קודש
פאר קינדער, וואס האבען געענדיגט אונזערע פאלקס-שולען, און אויך פאר די, וואס בע[illegible] [illegible]
כען אנדערע שולען און ווילען זיך גלייכצייטיג לערנען יודישע לימודים, ווערען איינגעארדענט קורסען פאר לימודי קודש ווי חומש, נביאים, תפלה, יודישע געשיכטע, לשון-הקודש, יודיש א.ד.ג. צו די קורסען זענען ספעציעל אנגאזשירט געווארען ערשטקלאסיגע לערן-קרעפטן. די פרייזען — ביליגע. די לייטונג [illegible]

3 דאס לאנגיעריגע בעקאנטע און רעיעלע 3
טוך און קארט-געשעפט
Herman WŁOSKI
(עקזיסטירט פון 1910)
לאדז, נאוואמיעסקא 3, טעל. 114-92
פראנט 2-טער שטאק
בעזיצט אויף לאגער צום הערבסט און ווינטער-סעזאן דעם גרעסטען און שענסטען אויסוואהל פון די
ביליגסטע הערען און דאמען-שטאפען
אין זעמטליכע פארבען און מוסטערן פון ענגלישע, ביליצער, טאמאשאווער סחורות א.א. בענויע פאבריק-פרייזן!
3 געדענקט די אדרעס! קומט און איבערציינגט אייך! 3

Dr. med.
Szymon Grinberg
פילסודסקיעגא 55, טעל. 168-58
צוריקגעקעהרט
אויפנאהמס-שעה׳ן פון 3 ביז 6 נאכם.

Dr. J. SCHORR
באדע-ארצט אין איוואניטש
צוריקגעקעהרט
ארדינירט אין הארץ-קראנקהייטען
אין לאדז, נאנסקא 11, טעל. 226-85
פון 4–7 נאכם.

די נייעסטע מאדעלן שיך
פון די עלעגאנטסטע
אין א רייכען אויסוואהל בעקומט איהר נור ביי
A. Ogórek
ŁÓDŹ, ZAWADZKA 11.

שיימלען
צו בעקומען
קערש,
סטווערוואַ 15

פאר
גאלד, בריליאנטען
און לאמבארד-קוויטעס
צאהלט די העכסטע פרייזען
איזידאר פיאלקא
פיעטריקאווער 7.

גאנץ לאדז ווייס,
אז די ביליגסטע קוועלע
פון די עלעגאנטסטע

הערען-דאמען-קינדער
שיך
איז נור ביי דער גוט-בעקאנטער פירמע
פ. קירשטיין
לאדז, 8 פאמארסקא 8
וועלכע בעזיצט צום בעפארשטעהענדען הערבסט און ווינטער-סעזאן דעם גרעסטען אויסוואהל פון די שענסטע און עלעגאנטסטע
שיך צו קריזיס-פרייזען! קומט און איבערציינגט אייך!
אייגענע אויסארבייטונג! רעעלע בעהאנדלונג!
בעמערקונג: מיר בעזיצען א ספעציעלען לאגער פון דולבאקס-שיך (צום גליטשען)

גרעסטער אויסוואהל ביי
Szczęśliwy
— פון —
מענער-רעשטען
אויף אנציגער און פאלטענס, ביליצער, טאמאשאווער א. א. פון די בעסטע קוואליטעטן מאדערנסטע מוסטערן, צו די ביליגסטע פרייזען.
יעדער קויפער בעקומט ראבאט.
קומט און איבערציינגט אייך!
5 נאוואמיעסקא 5
ביי R. Szczęśliwy
פראנט 2-טער שטאק
געדענקט דעם אדרעס.


דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער שווערגעטראפענער פאמיליע גראסבארט צוליב׳ן טויט פון זייער אומפערגעסליכען מאן און פאטער, וויצע-פרעזעס פון פערמיטלער-פערבאנד, פיעטריקאווער 69
נ״ע לייזער מענדעל
זייט געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.
די פערוואלטונג און מיטגלידער פון פערמיטלער-פערבאנד פיעטריקאווער 69.

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער מיטגליד יודעל וואלינסקי צוליב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זיין זוהן
יהושע נ״ע
די פערוואלטונג פון דאמען-שניידער-סעקציע ביים צענטראלען האנדו.-קלוב א״ו לאדז.

פרייטאג, דעם 2-טען טאג סוכות, ט״ז תשרי איז נאך קורצע שווערע ליידען געשטארבען אונזער לאנגיעהריגער מיטגליד נ״ע
לייבוש ראזענשיין
אלע מיטגלידער פון דער „חברה גדולת בחורים" ווערען אויפגעפאדערט זיך צו בעטייליגען אין דער לויה היינט פינקטליך 12 א זייגער פון טרויער-הויז פולנאצנא 25.
די גבאים.

